איינצעלנע נאציאנאל־קולטורען, און וואס מעהר עס פראגרעסירט די אלגעמיין־מענשליכע קולטור, אלץ רייכער און שטארקער ווערט די נאציאנאלע קולטור. וואס שטארקער דער פראגרעס, אלץ שטארקער די נאציאנאליטעט.

ש. אנ—סקי:

# א דין תורה

(א הסידישע פאלקס מעשה.)

געשעהען איז די מעשה גאר ניט לאנג, אין יענע צייטען, ווען עס האט די וועלט געקלונגען מיט די מופתים פון דעם צדיק, פון דער רב, רבי אלימלך.

אין א בעזער שעה אויף אידען האט דער קיסר פון רומעניען מיט א מאל געמאכט א גזירה, אז אין א משך פון דריי וואכען זאל ניט בלייבען אין זיין הערשונג קיין שום זכר פון א אידען.

עס פערשטעהט זיך, ביי די אידען איז געווארען גאר א חורבן: מען האט געוויינט, געקלאגט, געשריען, מען האט געמאכט א תענית צבור, מען האט געריסען קברים, וועלטען. נאר דאס אלץ האט נישט געהאלפען: יענע בעזע ווילדע רוהות, וועלכע לויערען אויף אידען זינד דעם חורבן בית המקדש, האבען מיט א מין אכזריות ניט דערלאזען צו דעם בורא קיין שום טרעהר און קיין שום תפילה.

נאר איין איד אין גאנץ רומעניען האט ניט געפאסט און ניט געשריען. און געוועזען איז דאס רב פייוועל, א בעוואוסטער איד, א זקן, וועלכער איז דעם גאנצען לעבען אבגעזעסען אין בית־המדרש אויף גמרא און אויף פוסקים. אז רב פייוועל האט דערוואוסט זיך פון דעם בעזען גזר פון קיסר, איז ער אויך, ווי אלע אידען, גלייך געווארען שטארק דערשראקען און געוואלט שוין נעהמען וויינען. מיט אמאל האט איהם בעלויכטען דעם מח א מחשבה.... ער האט געטהאן א שטארקען ציטער, האט א כאפ געטהאן א חומש, האט אריינגעקוקט מיט אימפעט און האט אויסגעשריען תקיף:

— ס'טייטש! וואס הייסט: א גזר פון קיסר? על פי דין פון אונזער תורה האט דער גזר קיין שום ממשות!

און געשווינד, א פייל פון בויגען, איז ער גלייך אוועקגעלאפען — שפעט ביי־נאכט איז דאס געוועזען — צו דעם רב (אין יענע צייטען האט געהערשט אין גאנץ רומעניען דער בעוואוסטער גרויסער תלמיד פון בעל־



שם, רבי אלימלך), האט איהם אויפגעוועקט פון דרעמעל און מיט היץ גענומען שרייען:

— „רבי! פסק'ענט א דין תורה! קלאהר ווי טאג איז דאך געשריבען אין דער תורה, אז די אידען זענען קנעכט דעם בורא עולם, היינט, ווי שטעלט זיך איין א קיסר מאכען גזרות געגען אידען?! און דערהויפט, איך פרעג אייך. רבי, ווי דערלאזט דאס גאט אין הימעל די משונה בעזע עולה?!

— וואס זשע ווילסט דו, רבי פייבעל? פרעגט ביי איהם רב אלימלך.

— ס'טייטש וואס וויל איך? א דין תורה מיט דעם בורא פאר זיין עולה.

— הער, מיין זוהן, — האט איהם געענטפערט רוהיג רבי אלימלך, — זאגען מוז איך דיר, בפירוש, אז איך רעכען פאר א העזה צו בעשולדיגען דעם בורא אז ער טהוט א דין פערדרעהען. מאהנען גאט צו א דין תורה, שמעקט זערצו נאך מיט סכנות... נאר, פון אנדער צד, פערשטעה איך, אז דו געהסט אויף מסירת נפש פאר א גרויסער קהילה אידען, איז דעראיבער בין איך מסכים אנצונעהמען דיין דין תורה. נאר אום האלבער נאכט, פערשטעהט זיך, איז פאר דעם די צייט ניט פאסיג. קום זשע מארגען, נאך ותיקין.

אין דער זעלבער נאכט, גאר פלוצלים, זענען מיט א מאל געקומען געסט צו רבי אלימלך: דריי רבנים און צדיקים. צווישען זיי איז אויך געוועזען דעם בעל שם'ס בעליעבטער תלמיד, דער בעוואוסטער רב פון אפטע. גלייך האט זיי רב אלימלך פארגעלעגט, מיט איהם צוזאמען אנטייל נעהמען אין דעם משפט, און זיי האבען איהם געגעבען זייער הייליגע הסכמה.

אויף מארגען פריה, אז רבי פייוועל איז געקומען צו דעם משפט, האבען אלע פיער רבנים אנגעטהאן אויף זיך טליתים, און עס איז דער גרויסער בית דין צוגעטראטען צו דער דין תורה.

— רבי פייוועל! — האט דער אפטער אויסגערופען, — פיער רבנים זענען גוזר, דו זאלסט זאגען, וואס דו האסט פאר א מין טענה צו דעם בורא כביכול?

נאר רב פייוועל איז געשטאנען בלייך, צוטומעלט און דערשראקען.

— ניין, רבותי.... ניין, איך קען ניט... האט ער ציטערענד געשטאמעלט. — איך האב מיין גאנצען מוטה פערלארען... פון די נעכטיגע התלהבות איז קיין זכר ניט געבליבען...

נאר אויף דעם האט איהם געענטפערט מיט א תקיפות, שטרענג, דער אפטער:

— איך, דער אפטער, גיב דיר כח, דעה, בינה און התלהבות! זיי בטוח, אין דעם משפט וועט ניט זיין קיין נשיאת פנים.

און רב פייוועל האט בעקומען מיט א מאל א גרויס התלהבות און האט אנגעהויבען טענה'ן. קודם כל האט ער א פסוק אויפגעוויזען אין דער תורה,

נאָכדעם האָט ער דאָ גענומען ברענגען ראיות פון גמרא, און פון פוסקים, און פון אלפס, און האָט קלאָהר ווי טאָג בעוויזען, אז דער בורא האָט לחלוטין ניט געטאָרט דעם גזר דערלאָזען.

דאָ האָט איינער פון די שופטים זיך געפּרואווט אויף א המצאה:

— אפשר וואָלט איהר, רבי פּייוועל, — האָט ער שטיל זיך אָבגערופען, — איינגעווילינט אָנצוקלאָגען ניט דעם בורא, נאָר דעם קיסר?

— וואָס מיר קיסר? ווער מיר קיסר? — האָט מיט כעס אויסגערופען רבי פּייוועל. — הערסט א מעשה! וואָס האָב איך פאַר א געשעפטען מיט דעם קיסר פון רומעניען! וואָס איז ער? א טיפּה סרוחה! מיט דעם בורא, כביכול, נאָר מיט איהם האָב איך א משפּט!

דאָ האָט זיך פון זיין הסיבה אויפגעהויבען שטאָלץ דער אפּטער און האָט רוהיג, ווי א ריכטער, אויסגערופען:

— זאָל דער בורא געבען אונז א קלאָהרען ענטפער אויף רב פּייוועלס קלאָהרע טענות!

רופט זיך אָב רב אלימלך:

— איך וועל געבען אייך דעם ענטפער: ס'איז געוויס ניטאָ קיין ספק, אז גערעכט איז רבי פּייוועל. אז אחינו בני יהודים, זענען קנעכט פון בורא עולם און אז קיינער, חוץ דעם בורא, האָט קיין רעכט ניט זיי צו שטראָפען, נאָר עס מעג דאָך זיי דער בורא שטראָפען, ווי מען שטראָפט עבדים, דורך א פרעמד'ע האַנד, לערך....

— ניין! ער טאָר ניט! — פאַלט אריין איהם היציג אין די רעד רב פּייוועל. זענען דען ביי גאָט די אידען מעהר נישט קנעכט? האָט איהר דען פערגעסען, אז עס שטעהט: „כי בנים אתם“? קינדער זענען מיר ביים בורא! נו, און קינדער שטראָפט א טאַטע נאָר אליין און ניט דורך פרעמדע!

— היינט, ווי קומט זשע דאָס, וואָס טיטוס האָט פערברענט דעם בית המקדש? — גיט א פרעגן רב אלימלך.

— גוט געזאָגט! דער בית המקדש איז געוועזען דאָך גאָט'ס א דירה, האָט ער איהם געמעגט פערברענען, און אָט איצטער, ווי מיר ווייסען, האָט דער אויבערשטער חרטה און ער קלאָגט און שרייט ככרוכיה: וועה איז מיר! איך האָב מיין בנין מיט מיין אייגען האַנד צובראָכען און געמאַכט פון איהם א חורבן!

— לאָז זיך זיין! איך בין שוין מוחל דיר דעם חורבן בית המקדש, — רופט זיך אָב רב אלימלך. — נאָר בערעכען זיך, א שטייגער, ווי די אידען זענען זינדיג! וויפיעל מאָל האָט זיי דער בורא אי מיט גוטען, אי מיט בעזען אָנגעזאָגט, זיי זאָלען טראַכטען וועגען תשובה און פערלאָזען זייערע מוטווילינע מעשים. האָט דען וואָס עס איז געהאָלפען? סוף כל סוף איז גאָט געוואָרען מלא כעס אויף די אידען און איז ארויס פון אלע כלים....

— סטייטש: „ארויס פון אלע כלים“!! — שרייט מיט אימפּעט אויס רב פּייוועל, — וואָס איז דאָס פאַר א דבורים! אויב מיר וועלען דאָס דער־



לאָזען, קען דאָך גאָט אין מיטען מיטוואָך, אז זיין גרימצאָרן צוקאָכט זיך, חרוב מאַכען אלע וועלטען און פערטיליגען אלע אידען!

— און ער קען טאַקע, וואָס מיינסטו! — רופט זיך אָב רב אלימלך.

— ניין, ער קען ניט! ניין, ער טאָר ניט!! — מעקר'ט ווייטער רבי פּייוועל, — וואָס איז דאָס: לית דין, לית דיין? האָבען מיר דען ניט קיין תורה?!.... הערט רבותי! איך בין מתרה, אז איך טרעט ניט אָב פון דאַנען ביז איהר וועט א גזר ניט מאַכען, אז דער בורא, גלייך ווי אלע, מוז מקים זיין די דינים פון דער תורה....

נאָר דער אפּטער האָט געענדיגט די וכוחים. ער האָט פון אָרט זיך אויפגעהויבען, האָט א גלעט געטהאָן די באָרד און ארויסגערעדט מיט תקיפות:

— אלץ איז קלאָהר! גענוג צו טענה'ן.

נאָכדעם האָט ער צוגעגעבען:

— ביי משפּטים איז א מנהג, אז ווי באַלד נאָר ביידע צדדים זענען פאַרטיג מיט די טענות, הייסט דער בית דין זיי ארויסגעהן פון דעם בית־דין־שטיבעל ביידען. אויב זשע ווער פון ביידע צדדים ווייזט דערביי ארויס עקשנות, וויל מיט גוטען ניט ארויסגעהן, — מוז ער פריהער קנס בעצאָהלען און דערנאָך פיהרט איהם דער שמש פאַרט ארויס פון בית־דין שטיבעל מיט בזיונות, פאַר'ן עוור.... רבי פּייוועל, זייט זשע מוחל! גם כן דו, אדון עולמים, מוזט פון דאַנען אויך ארויסגעהן...

כאַפּט זיך אויף רב אלימלך:

— סטייטש, עס שטעהט דאָך אין דער תורה דייטליך: „כבודו מלא עולם“, — היינט, ווי קען זשע גאָט, איך פרעג אייך, זיך דערווייטערען פון דאַנען האָטש, אפילו אויף א רגע?

ביי א ווײַלע שווייגט דער אפּטער. נאָכדעם הייבט ער אויף מיט רוגזה א געדיכטע ברעם, א גרויע, גיט א ברום און זאָגט זיך רוהיג.

— נו, באַלד עס שטעהט געשריבען דייטליך: „כבודך מלא עולם“, זענען מיר דיר, בורא, מתיר, זאָלסט דערווייל מיט אונז פערבלייבען. נאָר מיר זאָגען דיר בפירוש, אז אין אונזער פּסק דין קודש וועט ניט זיין קיין נשיאות פנים! מוזט געדענקען, אז די תורה איז שוין מעהר ניט אויפ'ן הימעל: האָפּט זי אונז אוועקגעגעבען...

---

דריי מעת לעת האָט זיך געצויגען די ישיבה פון דעם בית דין. און עס האָבען נאָר געדונערט פייער היציגע וכוחים, און עס האָבען זיך געשאָטען קול־וחמר'ס, גזרה שוה'ס און הלכות, און ענינים, און נוטריקון'ס, א ו רמז'ים פון קבלה און פון זוהר, פון בעל שם'ס געצעהלטע ווערטער און פון טיעפע סתרי תורה.

דריי מעת לעת האָט זיך געצויגען די מחלוקת. די רבנים האָבען זיך צוהיצט, צושריען און נעקרינט זיך, און געשאָטען מיט זלזולים און מיט חרמות. איין דעם אַנדערען גערופען: „שייגעץ“! „שנעק“ און „עם הארץ“!

סוף כל סוף איז מען געקומען צו א פשרה, אז דער בורא האָט דעם שלימען גזר פון קיסר על פי טעות נאָר דערלאָזען (ער האָט שלעכט געטייטשט דעם פסוק און ניט קלאָהר דעם פשט פערשטאַנען פון א טיעפען וואָרט אין זוהר) און בכן האָט קיין ממשות דעם רומעניער קסר'ם גזירה, און זי מוז גלייך בטול ווערען.

און דעם פסק דין האָט א ספר אָנגעשריבען אויף א פאַרמעט. אלע הייליגע רבנים האָבען זיך אויף איהם גע'חת'מעט און מען האָט אין אָרון קודש צווישען אלע ספיר תורה'ס אװעקגעלעגט דעם פסק־דין — פאַרמעט....

---

איין מעת לעת איז נאָר פערגאַנגען. און די גזרה פון דעם קיסר איז געוואָרען בטל!

## לעאָן נעם:

# „שבתאי צבי“

עס זיינען דאָ פראַגען, פּראָבלעמען, מיט וועלכע די וויסענשאַפטליכע דענקער האָבען דאַכט זיך שוין לאַנג אָבגעפּטר'ט, געלייזט איינמאָל פאַר אלע מאָל. עס דאַכט זיך אָבער נור אזוי. דאָס לעבען פון מענשליכען גייסט איז שטאַרקער פאַר דער לאָגיק, און יעדעס מאָל טויכען די פראַגען אויף מיט נייער קראַפט און אָהן רחמנות פאָדערן זיי אנ'ענטפער. די „שטרענגע“ וויסענשאַפט דרעהט אָב דעם קאָפּ פון אזעלכע פראַגען, ווייל פון זיי ניט וויסען, זי געפינט, אז אזעלכע פראַגען זיינען אונלאָגיש, אונפּרוכטבאַר, „שעדליך“ פאַר דעם פראָגרעס, אָבער די ליטעראַטור, וועלכע וויל ניט הערען פון פערבאָטענע פראַגען, וועלכע ווייס נאָר דעם מענשען און זיין פרייען גייסט, וועלכע וויל זיין דער אידעאַלער אויסדרוק פון העכסטען גייסטיגען לעבען פון מענשען, — די ליטעראַטור נעהמט אין זיך אויף די פראַגען און געפינט פאַר זיי דעם פּאַסענדען אויסדרוק, די לעבעדיגע פאָרם.

צו די אייביגע מענשליכע פראַגען געהערט די רעליגיעזע פראַגע, איך מיין דאָ ניט די היסטאָרישע פאָרם פון דער אָדער יענער רעליגיע: די רעליגיעזע דאָגמען (אני מאמין'ס) און מנהגים, — דע אינטערעס צו זיי איז ווירקליך פערשוואונדען, — איך מיין דעם קערן פ'ן דער רעליגיע, איהר פּסיכיש־פילאָזאָפישען אינהאלט, וועלכער רוהט אין מענשליכען גייסט, אין זיין אייביגען שטרעבען, אין זיין אייביגער אונרוהע. די רעליגיע איז א פראַ־

---

*) פאָרגעלעזען אין „פעראיין פיר אידישע ליטעראַטור און קונסט“ אין בערן 1908.



גע און אנ'ענטפער. און די פראַגע איז — די אייביגע פראַגע וועגען דעם זין פון לעבען: צי איז דאָ אין דער וועלט א מאָראַלישע אָרדנונג, א צוועק, מיט וועלכען דאָס מענשליכע לעבען זאָל פערבונדען זיין, צו האָט דאָס לעבען פון מענשען, פון איינציגען, פון קלענסטען א זין און ציעל, צו וועלכען ער זאָל שטרעבען, אָדער דאָס מענשליכע לעבען און די גאַנצע וועלט איז נור דער אויסדרוק פון אייזערנע געזעצען אָהן א צוועק און אָהן א זין? א אייביגע פראַגע.....

מיר קענען זיך אָבזאָגען פון דעם ענטפער, וועלכע די אָדער יענע רעליגיע גיט אויף דער פראַגע, אָבער מיר קענען ניט אויסמעקען פון דער נשמה די פראַגע זעלבסט. ווייל אין דעם מענשליכען גייסט לעבט א שטענדיגער דאָרשט צו אונענדליכער פרייהייט און פאָלקאָמענהייט, ער שטרעבט צו אייביגע אבסאָלוטע ווערטען, צום אידעאלען, צו דעם וואָס די רעליגיע רופט — גאָט.

אויף א צייט, געדריקט פון טעגליכען לעבען און קאַמפּף קען דער מענש פערגעסען, ניט צו הערען זיך צום געטליכען קול, וואָס קלינגט אין זיין נשמה — נור דאָס ערדישע און מענשליכע ציהט איהם צו זיך, אָבער באַלד שטעלט זיך פאַר איהם די אייביגע פראַגע פון לעבען און ווידער זוכט ער אנ'ענטפער....

אין שלום אַש'ס דראַמע „שבתאי צבי“ הערט זיך דער אָבקלאַנג פון א געוויסען אינטערעס צו רעליגיעזע און פילאָזאָפישע פראַגען, וועלכער פיהלט זיך יעצט אין דער אידישער (נאָך מעהר אין דער רוסישער) ליטעראַטור. און דאָס איז אזוי וויכטיג, אז מר קענען אַש'ן מוחל זיין די גרויסע פעהלערן פון זיין דראַמע. ווייל איך מוז פאָראויס זאָגען: אַש'ס דראַמע איז אין קינסטלערישער הינזיכט א זעהר שוואַכעס ווערק. די פּערזאָנען, וועלכע זענען אין דער דראַמע אויפגעפיהרט אין א גאַנץ היבשער צאָהל, מאַססענווייז, זענען — אויסער 2—3 — ניט לעבעדיגע מענשען, נאָר סטאַטיסטען, וועלכע שרייען, זאָגען נביאות, שעלטען, בענשען אָבער טהוען דאָס אלץ ווי סטאַטיסטען, ד. ה. אויטאָמאַטיש, אָהן לעבען, אָהן געפיהל. דער גאַנצער דראַמע פעהלט די פּסיכאָלאָגישע גאַנצהייט און ענטוויקלונג, צו בולט זעהט זיך ארויס פון אונטער די קליידער דער סקעלעט פון דער דראַמע, די אידעע, דאָס טהעמא, נור אין איינצעלנע ערטער פיהלט זיך די בעלעבענדע צויבער־קראַפט פון קינסטלער, פון פּאָעט, פון שלום אַש. און דאָך וויל איך רעדען ניט איבער די פעהלערן פון דער דראַמע: מיך אינטערעסירט די אידעע, דאָס טהעמא. „שבתאי צבי“ איז קינסטלעריש שוואַך, אָבער זיין טהעמא איז ושעניאַל, און דאָס איז דאָך אויך עטוואָס.

„שבתאי צבי“ איז א היסטאָרישע דראַמע. און א היסטאָרישע דראַמע, אין וועלכער דער שטאָף איז גענומען פון דער פערגאַנגענהייט, קען האָבען פאַר אונז א אינטערעס נור יעמאָלט, ווען אין איהר, אין דער דראַמע, איז די פערגאַנגענהייט פערקניפּט מיט דער געגענוואַרט, „אין דעם פערשטאָר־בענעם נעכטען פיהלען מיר דעם לעבעדיגען היינט“, ווען אין די אָבגעקלונ